שנה ג'
נומער קכ"ה
**פרשת אמור**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



## מוהרא"ש זי"ע ביים ארויסקומען פון
# מערת רבי שמעון בר יוחאי
## אין מירון



נייע בית המדרש היכל הקודש בארא פארק

בילדער ארכיון:
**בילדער פון מירון אין די פריערדיגע יארן**

א סעודה מיט'ן ראש ישיבה:
**איך האב זיך געשפירט ממש ווי אין בית המקדש ביים מקריב זיין דעם קרבן פסח**

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייגצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM

# בריוון
## פון דער רעדאקציע

### שיקט אריין נייעס און בילדער

לכבוד אלע חשובע לייענער.

אזוי ווי איר זעהט פרובירט מען יעדן איינציגן וואך אהערצושטעלן דעם קרית ברסלב בלעטל מיט אלע לעצטיגע נייעס אין קהילת היכל הקודש, אזוי אויך לעצטיגע בילדער.

אבער נישט אלץ באקומען מיר יעדע נייעס וואס ס'פאסירט אין יעדן ווינקל פון היכל הקודש, און אזוי אויך נישט אלץ קומט אן יעדן בילד.

דערפאר ווילן מיר אייך בעטן, אויב האט איר פרישע נייעס, אדער פרישע בילדער און איר האלט אז דאס וואלט געווען גוט עס זאל ארייגגיין אינעם קרית ברסלב בלעטל, ביטע שיקן צום מערכת.

מיט דעם וועט איר מחיה זיין טויזנטער אידן, וואס ווילן זייער שטארק מיטהאלטן אלעס וואס טוט זיך אין דעם שיינעם קהילה, וואס איז שוין היינט צושפרייט אין די גאנצע וועלט. מיט דאנק.

די מערכת.

# זמנים
Liberty

הדלקת הנרות........07:51
מוצאי שבת ........... 09:22

**פרשת אמור י"ג אייר תשפ"ב**

**מנחה מעריב פרשת בהר...08:55**
**דאנערשטאג מנחה 08:45. מעריב נאכ'ן שיעור**

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר המלמד

**מו"ה יעקב יאקאבאוויטש הי"ו**
**וזוגתו פייגא תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר המלמד

**מו"ה יוסף שניטצלער הי"ו**
**וזוגתו נחמה תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

# וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 13 | 77°/55° | Partly Cloudy |
| Sat 14 | 75°/56° | Partly Cloudy |
| Sun 15 | 75°/55° | PM Thunderstorms |
| Mon 16 | 72°/54° | PM Thunderstorms |
| Tue 17 | 71°/52° | Isolated Thunderstorms |
| Wed 18 | 68°/49° | Isolated Thunderstorms |
| Thu 19 | 65°/50° | Partly Cloudy |
| Fri 20 | 66°/49° | Mostly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אלץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

קהל היכל הקודש
קרית ברסלב

# טעקס אפשאצונג

היות אין די קומעדיגע פאר טעג וועט אנקומען צו יעדן איינעם אויף די פאסט די טעקס אפשאצונג פון די דירה, זאל מען ביטע זעהן נישט עס צו ארויסווארפן אין די מיסט, נאר קוקט עס גוט איבער אויב זיי האבן גוט אפגעשאצט די דירה, און עס איז נישט קיין הויכע פרייז, און אויב איר פארשטייט נישט דעם צעטל, זאלט איר זיך ביטע מעלדן צו די הנהלה, און מיר וועלן אייך פרובירן צו העלפן אויף די בעסטע וועג שייך.

ספעציעל די אלע וואס האבן זיך ארייגעצויגן אין נייע געבויטע הייזער, אדער די אלע וואס האבן לעצטענס צוגעבויעט צו זייער הויז, זאלן דאס נישט סתם אוועקווארפן, ווייל דאס קען זיין גאר שטארק וויכטיג פאר אייך.

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראססער**

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024

# שטעטל נייעס

## עירוב אין שטעטל



געלויבט דער אייבערשטער אז דער עירוב אין שטעטל גייט שוין אן א פאר כמעט צוויי גאנצע יאר, און עס ווערט איבערגעקוקט יעדע וואך דורך די חשובע בודקים. פאר פסח האט דער ראש ישיבה זיך באדאנקט פאר די בודקים און געגעבן א מתנה א מצה פונעם עירוב פון תשפ״א.

אלע ערשטע תושבים וועלן אוודאי געדענקען ווי שטארק מען האט זיך געמוטשעט פאר עס איז געווען דער עירוב ארום דעם גאנצן שטעטל, יעדער איינער האט געהאט ארום זיין הויז אן אייגענעם עירוב, אבער מער פון דעם איז נישט געווען. ברוך השם מען האלט שוין דא אז די פילע פרישע איינוואוינער ווייסן שוין נישט פון דעם, און מען קען רואיגערהייט טראגן יעדן שבת כדת וכהלכה.

צוליב דעם וואס מען דארף בודק זיין דעם עירוב יעדן וואך, האט די וועד העירוב בנשיאות דעם ראש ישיבה שליט״א געקויפט א עירוב טראק, כדי צו קענען דערגרייכן אלע הויכע פלעצער וואו די עירוב לויפט, לעצטנ׳ס האט זיך דער עירוב טראק צובראכן, און מען זוכט יעצט פאר א פרישע טראק, וואס קען דינען דעם צוועק פון בודק זיין דעם עירוב יעדע וואך.

אויבן אויפ׳ן בילד קען מען זעהן די תלמידי הישיבה ביים זיך גרייטן צו די ארבעט פארנט פונעם דעמאלטס׳דיגן בית המדרש, צו ארומגיין ארום דעם שטעטל בויען דעם עירוב מיט׳ן עירוב טראק אין יאר תש״פ.

אסאך זענען שוין געהאלפן געווארן מיט קינדער נאכדעם וואס זיי האבן געהאלפן מיט דעם עירוב אין שטעטל.

אויב ווילט איר האבן דעם איינמאליגן זכות פון מנדב זיין דעם עירוב טראק, דאן פארבונדט זיך ווי אמשנעלסטן צו ר׳ מרדכי אהרן היילפרין אויף 845-701-9160.

## וואסער טעסט אין שטעטל




שוין א לאנגע צייט וואס מען פרובירט מיט די שטאטישע באאמטע זיי זאלן וועלן געבן פערמיטן צו לאזן בויען אויף די פילע ליידיגע שטחים אין שטעטל. אבער יעדע מאל קומען זיי מיט אן אנדערן תירוץ פארוואס זיי ווילן דאס נישט אדורכלאזן.

די שטאטישע באהערדע זענען געקומען מיט די טענה, אז אויב עס קומען צו פרישע הייזער וועט נישט זיין גענוג וואסער פאר אלעמען, ווי פארשטענדליך האט מען כסדר געמאכט אסאך תפילה מען זאל יא לאזן בויען דירות.

כדי צו אויפווייזן אז עס איז יא דא גענוג וואסער, איז מען געגאנגען און געלאזט גראבן צוויי פרישע קוועלער אויף די האשקי גאס, גלייך ביים ענדיגן גראבן האט מען געזעהן אז עס קומט צו שטראמען גאר אסאך וואסער אויפאמאל. אויך האט מען גערופן א קאמפאני צו מאכן א וואסער טעסט, און עס האט זיך ארויסגעוויזן אז עס איז ברוך השם דא גענוג וואסער.

פארגאנגענע וואך דינסטאג נאכט זענען די חשובע הנהלה מעמבערס ר׳ מרדכי אהרן הי״ו ר׳ מנחם הי״ו און ר׳ שבתי הי״ו געקומען צום פלענונ״ג באור״ד מיטינג, דארט זענען זיי אויפגעקומען מיט פרישע תירוצים פארוואס נישט צו לאזן בויען, איינס פון די טענות איז געווען אז ס׳איז נישט ריין אין שטעטל (דא איז טאקע די פלאץ צו מעורר זיין אלע חשובע איינוואוינער צו האלטן ריין ארום די הויז).

די הנהלה האט געוואלט ארויסגיין מיט א שטיקל מלחמה, אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט מען זאל זיך האלטן בשלום מיט זיי, און ווייטער בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, נאר דאס וועט העלפן, און ביים סוף וועט מען באקומען פון זיי פערמיטן צו קענען בויען פרישע דירות.

## היכל הקודש
# נייעס

**בארא פארק**

## סימן טוב ומזל טוב צום באנייאונג פונעם נייעם בית המדרש היכל הקודש




א גרויס שמחה הערשט אין די טעג צווישן אנשי שלומינו מיט די פרייליכע בשורה פונעם נייעם שטיבל היכל הקודש בארא פארק וואס מען האט יעצט פון פריש געעפנט אין א נייעם לאקאל, אין דא הארץ פון שטאט.

ביז לעצטנס איז דער בית המדרש היכל הקודש בארא פארק געווען אינעם הויז פון רבי' יצחק לעסער שליט"א וואס האט אוועקגעגעבן א חלק פון זיין דירה פאר'ן בית המדרש, מיט א צייט צוריק האט מען זיך געדארפט אוועקציען פון דארט, האבן זיך אנשי שלומינו אין בארא פארק גענומען זוכן א נייעם פלאץ וואס קען זיין געאייגנט פאר'ן שול.

פארשטייט זיך די ערשטע זאך וואס ברסלב'ע חסידים טוען איז תפילה - מען בעט דעם אייבערשטן, אזוי האט מען טאקע געטוהן, אלע אנשי שלומינו האבן יעדן טאג געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף מען זאל טרעפן א גרויסע שיינע געשמאקע פלאץ וואס זאל זיין געאייגנט פאר א בית המדרש היכל הקודש".

געלויבט דעם אייבערשטן אז נאכן זוכן א שטיק צייט האט מען טאקע געטראפן גאר א גוט ווינקל וואס איז ממש געאייגנט פאר דעם, א שיינע געשמאקע בנין אין הארץ פון בארא פארק.

גלייך האט מען פארציילט פאר'ן ראש ישיבה די גוטע בשורה, פון וואס ער האט זיך זייער געפריידט, מען האט אויסגעשמיסט מיט'ן ראש ישיבה וויאזוי מען וועט קענען צאלן די קאסטן פון די בית המדרש, מען דארף צאלן חודש'ליך רענט פאר דעם פלאץ, האט דער ראש ישיבה געזאגט מען זאל זיך ווענדן צו די "רענט קאמפיין" וואס ווערט אנגעפירט דורך די צוויי חשובע אינגעלייט ר' אשר בער אינדארסקי הי"ו און ר' שבתי מארקוס הי"ו.

אזוי מען האט געטוהן, מען האט זיך געוואנדן צו זיי אויב זיי ווילן זיך אינטערנעמען צו צאלן די רענט פון דעם פלאץ, די תירוץ איז געווען א גרויסע יא, מיר וועלן דאס צאלן מיט די גאנצע הארץ.

פארשטייט זיך אז אנשי שלומינו וועלן שוין יעצט פילן פאר וויכטיג מער ארויסצוהעלפן די צוויי גבאים און זיי געבן שענערע סכומים, נאכדעם וואס עס גייט ליגן אויף זיי נאך א התחייבות פון צאלן רענט.

אין א בריוו צום גבאי פון בית המדרש יום ה' פרשת אחרי ב' שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א:

*בעזרת ה' יתברך יום ה' פרשת אחרי ב', כ"ז ניסן, שנת תשפ"ב לפרט קטן*

*לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר, גבאי בית המדרש היכל הקודש בארא פארק*

*איך ווארט צו הערן ווי איר האלט מיט'ן בית המדרש אין בארא פארק, אויב איר האט שוין פארמאכט, שוין געשריבן קאנטראקט אויפ'ם נייעם שול.*

*איך וויל דיר בעטן אויב איך קען קומען רעדן צו די חברים אין בארא פארק, איך וויל מער קומען רעדן דארט דעם רבינ'ס ווערטער, אויב אזוי דאס פלאנט - אפשר גאר מאכן פון צייט צו צייט דעם ליל שישי שיעור אין בארא פארק.*

*איך וויל מער מחזק זיין דעם בית המדרש, עס זאל זיין א שיין ווינקל, א ליכטיגע ווינקל - וואו עס וועט ארויסגיין א ליכט פאר גאנץ בארא פארק. אזוי ווי דו ווייסט דאך וואס טוט זיך היינט, מענטשן זענען אזוי דורשטיג פאר אפאר אמת'ע ווערטער; אביסל חיזוק צו קענען אנגיין מיט'ן טאג טעגליכן געיעג.*

דער אייבערשטער זאל העלפן דער בית המדרש זאל מצליח זיין, און עס זאל קענען צוריק ברענגען אסאך אידישע קינדער צום אייבערשטן.

די אדרעס פונעם בית המדרש איז 4801 11th Ave, Brooklyn, NY 11219



# מעשיות פון תפילה

## חיים ישעי' דיפריס - יבנאל:

איין נאכט בין איך געווען אויפ'ן וועג פון ירושלים קיין יבנאל, ס'איז געווען שפעט ביינאכט אויף א ליידיגע ראוד; אלס פאר איך פאר ארויס אין וועג לייג איך א פרוטה אין צדקה און איך בעט דעם אייבערשטן אז איך זאל אנקומען וואו איך דארף בשלום.

אזוי פארנדיג רואיג און געמיטליך באמערק איך אז אונטער מיך פארט א קאר און ער ווינקט מיך אז איך זאל ארויסגיין פון זיין לעין, דער ראש ישיבה לערנט מיט אונז כסדר אז מ'טאר זיך נישט רייצן מיט קיין גוים אויפ'ן ראוד ווייל עס קען זיין זייער שעדליך, איך האב זיך דערמאנט פון דעם און איך בין ארויסגעפארן פון די לעין אז די קאר אונטער מיך זאל קענען פארן ווייטער.

פאר אן אומפארשטענדליכע סיבה האט דער מענטש אינעם קאר געמיינט אז איך וויל זיך רייצן מיט אים, ער איז געווארן זייער גערעגט, ער האט זיך גענומען פארן אין פארנט פון מיך שטייטער און שטייטער ביז איך האב זיך געמוזט אפשטעלן.

ער איז ארויסגעקומען פון די קאר אויפגערעגט און זיך גענומען מאכן קולות וברקים אויף מיר פארוואס איך שפיל מיט אים, איך האב זיך אנטשולדיגט פון טיפעניש פון הארץ אז איך האב גארנישט געמיינט.

איך האב געמיינט אז ס'האט זיך געענדיגט די מעשה; אנקומענדיג נענטער צו יבנאל אין איינע פון די שטילע געסלעך, זע איך פונדערווייטנ'ס דעם אראבער פון פריער - געשטעלט אין די זייט פונעם ראוד, און ער ווארט מיך אפ מיט אפאר חברים, וואס ס'האט מיר דערשראקן איז געווען אז ער האט געהאלטן זיין הענט אויף אזא וועג אז איך האב מורא געהאט ווער ווייסט וואס ער האלט אין האנט; איך האב שנעל גענומען בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל אנקומען אהיים בשלום געזונט און שטארק, אזוי האב איך געבעטן גאר שטארק.

ווען איך בין אנגעקומען נענטער האט ער מיר געוויזן אזוי שטרענג מיט זיין האנט, אבער גארנישט געטוהן, ער האט מיר נאר געוואלט דערשרעקן.

שכח אייבערשטער פארן מיך אהיימברענגען בשלום.

## יקותיאל פעלדמאן - קרית ברסלב:

**א)** איך בין געווען אויפ'ן וועג אריין אין שטאט פאר א משפחה שמחה, ווען פלוצלינג זעה איך א קאר קומען אויף די פארקערטע ריכטונג פונקט אקעגן מיר; ס'איז מיר נישט גוט געווארן, ס'האט אויסגעקוקט אז עפעס געפערליך קען דא געשען, איך האב נישט געוואלט טראכטן וואס.

איך האב אנגעפאנגען שטארק בעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל גארנישט פאסירן און איך זאל אנקומען גאנץ וואו איך דארף; שכח אייבערשטער איך האב זיך אוועקגעריקט פון יענעם קאר ממש מיט אפאר אינטשעס אזוי אז ס'איז טאקע גארנישט געשען.

**ב)** א קורצע צייט נאכדעם וואס איך האב באקומען מיין נייע קאר, בין איך געפארן אין וועג; וויבאלד איך בין נישט געווען צוגעוואוינט צו די נייע קאר האב איך נישט געכאפט אז איך פאר היבש מער ווי די געזעץ האט ערלויבט אין יענעם געגנט, און א פאליציאנט האט מיר אפגעשטעלט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נישט באקומען קיין טיקעט, ווען דער פאליציאנט איז געקומען צום פענסטער און מיר גזאגט אז איך בין געפארן צו שנעל, האב איך אים געזאגט אז ס'איז א נייע קאר און איך האב בכלל נישט געכאפט אז איך פאר אזוי שנעל.

שכח אייבערשטער אז ער האט אנגענומען וואס איך האב געזאגט און מיר נישט געגעבן קיין טיקעט.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' בְּהַר-בְּחֻקּוֹתַי, י"ח אִיָּיר, לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ז לפ"ק**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

חֲזַ"ל זָאגְן (נִדָּה לא.): "**אֵין בַּעַל הַנֵּס מַכִּיר בְּנִיסּוֹ**"; דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט וָואסֶערֶע נֵס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט דִיר, אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַזַא וואוילֶע וַוייבּ, און אַזוֹי שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט. דַארְפְסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי נִיסִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר.

**זֶע צוּ גֵיין אַבִּיסְל הֶפָּצָה יֶעדְן טָאג**, און דָאס זָאל זַיין דַיין גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן - 'הֶפָּצָה'; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף עוֹסֵק זַיין אִין בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען דִי גַאנְצֶע צַייט און טְרַאכְטְן: 'וָואס טוּ אִיךְ? וָואס אִיז מַיין צִיל? מַיין צִיל אִיז נָאר אֵיין זַאךְ - **אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער** און אַז אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאךְ אַ בָּחוּר זָאל וִויסְן אַז זַיין שִׁידוּךְ אִיז נִישְׁט תָּלוּי נִישְׁט אִין תַּנְחוּם און נִישְׁט אִין טוֹדְרוֹס, נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאךְ אַ אִינְגֶערְמַאן זָאל וִויסְן אַז מֶען דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת אִין שְׁטוּבּ, און אַז מֶען אִיז אַ וַתְּרָן קוּמְט מֶען אָן צוּ אַלֶעס'.

**טֵייל אוֹיס קַארְטְלֶעךְ פַאר בָּחוּרִים**, בִּפְרַט אִין יְרוּשָׁלַיִם; וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים פוּן חוּץ לָאָרֶץ פָארְן אַהִין, און זֵיי דַארְפְן זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזּוּק. דוּ קֶענְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן צוּ מִיטְן גֶעבְּן אַ קַארְטְל אָדֶער אַ סִידִי פַאר אַ בָּחוּר הָאסְטוּ אִים פָּשׁוּט גֶערַאטֶעוֶועט זַיין לֶעבְּן. בָּחוּרִים שְׁרַייבְּן מִיר בְּרִיוו אַז זֵיי זִיצְן אִין זֵייעֶר דִירָה אִין יְרוּשָׁלַיִם און קוּקְן פִיר און צְוָואנְצִיג שָׁעָה שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס, ... מָאוִויס רַחֲמָנָא לִצְלָן, נִישְׁט קַיין דַאוֶוענֶען נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען - גָארְנִישְׁט, נָאר נִיאוּף און נָאכְמָאל נִיאוּף, און זֵיי זָאגְן מִיר אַז דִי דְרָשׁוֹת פוּן יְשִׁיבָה, דָאס אִיז זֵייעֶר לֶעצְטֶע הָאפֶענוּנְג.

אִיךְ דַארְף דִיר דֶען דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם מִיט דִי חוּץ לָאָרֶץ'דִיגֶע בָּחוּרִים? דוּ אַלֵיין הָאסְט מִיר דָאךְ פַארְצֵיילְט וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִיר וֶוען דַיין טַאטֶע הָאט דִיר גֶעהֵייסְן גֵיין לֶערְנֶען אִין מִיר, און דוּ בִּיסְט גֶעשְׁלָאפְן אִין אַ דִירָה מִיט בָּחוּרִים וואוּ דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעדַארְפְט רַייסְן צוּ זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, און אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען דֶער חוֹזֶק אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן וֶוען דוּ בִּיסְט נִישְׁט מִיט גֶעגַאנְגֶען מִיט זֵיי צוּ שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעצֶער וְכוּ' וְכוּ'.

דֶערְפַאר טֵייעֶרֶע ... אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן דַיין צָרָה, אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט און דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן אַן אָדָם הַשָּׁלֵם, **דַארְפְסְטוּ עֶפֶּעס טוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער**. מֶען זֶעט (שַׁבָּת לג.) אַז וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן דִי מְעָרָה נָאכְדֶעם וָואס דִי גְזֵירָה אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן, און עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעדַארְפְט זַיין בַּאהַאלְטְן אִין דִי מְעָרָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "**הוֹאִיל וְאִיתְרַחִישׁ נִיסָא - אֵיזִיל אַתְקִין מִילְתָא**", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעמַאכְט אַ נֵס, דַארְף אִיךְ יֶעצְט עֶפֶּעס אוֹיפְטוּן, זָאגְט דָארְט רַשִׁ"י: "**כְּדֶרֶךְ שֶׁעָשָׂה יַעֲקֹב כְּשֶׁנִּיצַל מִיַּד עֵשָׂו**", אַזוֹי וִוי יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר אִיז נִיצוֹל גֶעוָוארְן פוּן עֵשָׂו הָרָשָׁע עיי"ש. וַוייל אַ צַדִּיק וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים, טְרַאכְט עֶר גְלַייךְ: 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן'.

דֶערְפַאר זָאג דוּ אוֹיךְ: "הוֹאִיל וְאִיתְרַחִישׁ נִיסָא - אֵיזִיל אַתְקִין מִילְתָא", און נֶעם אַ זֶעקְל סְפָרִים, סִידִי'ס, קַארְטְלֶעךְ וְכַדוֹמֶה, און גֵיי אַבִּיסְל הֶפָּצָה יֶעדְן טָאג.

אִיךְ וַוארְט אַז דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ וָואס הֶערְט זִיךְ בַּיי דִיר; זַיי גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, - **מִיר זֶענֶען טַאקֶע וַוייט אֵיינֶער פוּן צְווייטְן, אָבֶּער דוּ בִּיסְט מִיר אַיינְגֶעקְרִיצְט טִיף אִין מַיין הַארְץ.**

**אַ גוּטְן טָאג.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



### לַ"ג בָּעוֹמֶר

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט:** לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַייט און אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן קֶענֶען הַיינְט פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, מֶען קֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מִיט אַ צַדִּיק וואוּ מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ נָאר, וַוייל דִי קְדוּשָּׁה פוּנֶעם צַדִּיק אִיז אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אַז בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאל מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער מְאוֹר עֵינַיִם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (יִשְׂמַח לֵב, מַסֶּכֶת שַׁבָּת) אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט אַ סֵפֶר פוּן אַ צַדִּיק אִיז כְּאִילוּ מֶען אִיז יֶעצְט בַּיים צַדִּיק און מֶען קֶען בֶּעטְן פוּנֶעם צַדִּיק אַלֶע יְשׁוּעוֹת, עֶר הֶערְט אוֹיס וָואס מֶען בֶּעט; דֶערִיבֶּער אִיז הַיינְט אַ פַּאסִיגֶע צַייט צוּ מַאכְן אַן הַתְחָלָה אָנְצוּהֵייבְּן לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ און דֶעם סֵפֶר תִּיקוּנֵי זוֹהַר, און בִּשְׁעַת מֶען זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּנֶעם זוֹהַר בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דְרוּקְט אוֹיפְ'ן הַארְץ, אַזוֹי וֶועט מֶען זִיכֶער פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת.

רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט (בְּכוֹרוֹת לא:): "כָּל תַּלְמִיד חָכָם שֶׁאוֹמְרִים דְּבַר שְׁמוּעָה מִפִּיו בָּעוֹלָם הַזֶּה שִׂפְתוֹתָיו דּוֹבְבוֹת בַּקֶּבֶר", יֶעדֶעס מָאל מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִּיק, שָׁאקְלֶען זִיךְ דִי לִיפְּן פוּנֶעם צַדִּיק און עֶס אִיז אַזוֹי וִוי דֶער צַדִּיק לֶעבְּט; קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִין מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא און זוֹהַר - אִיז אַזוֹי וִוי מֶען שְׁטֵייט בַּיי רַבִּי שִׁמְעוֹן און מֶען קֶען אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט לַ"ג בָּעוֹמֶר: "דִי חֲתוּנָה אִיז אִין מִירוֹן, אָבֶּער דֶער חָתָן אִיז דָא"; וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אִינֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סב): "דְּרִיכַת הַקֶּשֶׁת בְּלַ"ג בָּעוֹמֶר הִיא סְגֻלָּה לְבָנִים", עֶס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער אַז מֶען זָאל שִׁיסְן לַ"ג בָּעוֹמֶר מִיט אַ פַייל און בּוֹיגְן.

# א מעשה פון א צדיק



## זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע צַייטְן

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נח ע"א): **אוֹרֵחַ טוֹב מַהוּ אוֹמֵר? כָּל מַה שֶּׁטָּרַח בַּעַל הַבַּיִת לֹא טָרַח אֶלָּא בִּשְׁבִילִי**, אַ גוּטֶער גַאסְט, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אִים, זָאגְט עֶר: אַלֶעס וָואס דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט צוּגֶעגְרֵייט אוּן גֶעגֶעבְּן, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן דָאס גֶעמַאכְט סְפֶּעצְיֶעל פַאר מִיר, אַז אִיךְ זָאל זִיךְ מְחַיֶּה זַיין דֶערְמִיט, אוּן עֶר בַּאדַאנְקְט אִים; אַ שְׁלֶעכְטֶער גַאסְט זָאגְט: דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט דָאס אַלֶעס בֶּאֱמֶת גֶעמַאכְט פַאר זִיךְ, אוּן נָאר זִיךְ אִינְזִין גֶעהַאט, נָאר עֶר שֶׁעמְט זִיךְ, אוּן עֶר ווִיל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפִירְן ווִי אַ פֶּרֶא אָדָם, דֶערְלַאנְגְט עֶר דֶערְפוּן פַאר מִיר אוֹיךְ.

אוּן דָאס זֶעלְבֶּע קוּמְט פָאר בַּיי אוּנְז אוֹיךְ, מִיר זֶענֶען אַלֶע אוֹרְחִים דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט: אַ אִיד אִיז אַמָאל אַרַיין געקומען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן ווִי אַזוֹי דֶער חָפֵץ חַיִּים לֶעבְּט זֵייעֶר פָּשׁוּט, זַיין טִישׁ אִיז גֶעוֶוען פוּן אַפָּאר צַאמְגֶעקְלַאפְּטֶע בְּרֶעטֶער, אוּן אַזוֹי אויך דִי בַּאנְק, אוּן אוֹיסֶער דֶעם אִיז דֶער שְׁטוּבּ גֶעוֶוען לֵיידִיג. רוּפְט זִיךְ דֶער אִיד אָן: רֶבִּי, וואוּ אִיז אֵייעֶר מֶעבְּל?! עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: אִיךְ בִּין אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אוּן עֶר פְרֶעגְט צוּרִיק דֶעם אִיד: וואוּ אִיז אֵייעֶר מֶעבְּל? זָאגְט עֶר: בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ האב אִיךְ שֵׁיינֶע מֶעבְּל. פְרֶעגְט עֶר אִים: וואוּ אִיז דָאס יֶעצְט? עֶנְטְפֶערְט עֶר: אִיךְ בִּין דָאךְ דָא נָאר אַ גַאסְט, אִיךְ בִּין דָא דוּרֶעךְ גֶעפָארְן, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט בַּאזוּכְן דֶעם רֶבִּי'ן! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זַ"ל: אִיךְ בִּין דָא אוֹיךְ נָאר אַ גַאסְט, מַיינְס אִיז אוֹיכֶעט צוּגֶעגְרֵייט דָארְט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

דָאס זָאגְט דִי גְמָרָא, אַ גוּטֶער אוֹרֵחַ זָאגְט: אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אוּן גֶעמַאכְט, הָאט עֶר דָאס גֶעמַאכְט פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט, לְמָשָׁל: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט עֶס זָאל זַיין אַ קַאר, אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן גֵיין צוּפוּס, דַאנְקְט עֶר אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אַז עֶר קֶען בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אָנְקוּמֶען וואוּ עֶר דַארְף, אוּן אַז עֶר דַארְף פָארְן אִיבֶּערְן יַם, אִיז דָא בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַן עֶרָאפְּלַאן, אוּן אַזוֹי בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֵייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס בַּאשַׁאפְן סְפֶּעצְיֶעל פַאר אִים.

דָאס זָאגְן חַזַ"ל (סַנְהֶדְרִין לז ע"א): **חַיָּיב אָדָם לוֹמַר בִּשְׁבִילִי נִבְרָא הָעוֹלָם**; דָאס הֵייסְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאשַׁאפְן פַאר אִים אוּן פַאר זַיין טוֹבָה.

אָבֶּער דֶער טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז שְׁטֶענְדִיג רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אוּן שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְט עֶר אַז עֶס פֶעלְט אִים, אוּן קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דֶעם הַאלְבְּן גְלָאז וָואס אִיז לֵיידִיג, אוּן אַלְץ ווִיל עֶר הָאבְּן מֶער פוּן ווִיפִיל עֶר הָאט, אַזוֹי ווִי חַזַ"ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה א, לד): **יֵשׁ לוֹ מָנֶה רוֹצֶה מָאתַיִם**.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ): אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ דָאפֶּלְטֶער שֶׁפַע; וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז בַּיי אִים שְׁטֶענְדִיג פוּל דֶער גְלָאז; דָאס הֵייסְט, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶענוּג גֶעלְט, אוּן עֶר אִיז דֶער רַייכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט, אוּן אַלֶעס וָואס אִיז דָא אִין דִי וֶועלְט אִיז זַיינְס, וַוייל דֶער אייבערשטער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פַאר אִים; אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַזוֹי, אוּן חַזֶר'ט זִיךְ דָאס אַיין, פֶעלְט אִים טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט יֶעצְט אוֹיף דִי מִינוּט וָואס עֶר דַארְף, וֶוערְט עֶר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, וַוייל עֶר טְרַאכְט: עֶר וֶועט דָאס הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער, אוּן אַז מֶען לֶעבְּט אַזוֹי, אִיז דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אַ פַיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

(קונטרס "א גן עדן אויף דער וועלט")



# דעם רבינ'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 31

**פארזעצונג פון פריער:** זוּנְטָאג פַּרְשַׁת צַו, י' אָדָר ב', אִיז נַאפָּאלְיָאן אָנְגֶעקוּמֶען נָאנְט צוּם שְׁטָאט עַכּוֹ, אוּן הָאט בַּאלַאגֶערְט דִי שְׁטָאט. דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן צוּם יַם, עֶר הָאט נִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ ר' יִצְחָק וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר שְׁלָאפְט דָארְט. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין עֶפֶּעס אַ קְלֵיין שִׁיפְל. דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ ר' יִצְחָק עֶרְוֶועקְט אוּן גֶעזֶען אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט אִין הוֹיז, דִי בַּאלֶעבָּאסְטֶע פוּן הוֹיז, וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען ר' יִצְחָק, אִיז זִי גְלַייךְ גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט, "אוֹי וַויי, אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אֵייעֶר יוּנְג לֶעבְּן, אִיר וֶועט דָאךְ דָא גֶע'הַרְגְ'ט וֶוערְן". ר' יִצְחָק הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן.

...

ר' יִצְחָק הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, אַז עֶר זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן. עֶר הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז, הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז זִי מֵיינְט אַז עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן צוּם יַם.

וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעוָואלְט נֶעמֶען דֶעם קֶעסְטְל מִיט זֵייעֶרֶע חֲפֵצִים אוּן גֶעלְט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דָארְט, וַוייל וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַנְטְלָאפְן הָאט עֶר אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּן גָארְנִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַלֵיין שְׁלֶעפְּן דֶעם קֶעסְטְל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז אַ סְפַרְדִי'שֶׁער אִיד אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט שְׁלֶעפְּן דֶעם קֶעסְטְל, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן לוֹיפְן צוּם יַם.



**די שטאט חיפה היינטיגע צייטן**

צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ אִין שְׁטָאט, וואוּ מְ'הָאט זִיךְ מַמָּשׁ גֶעשְׁטָאכְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן מִיט מֶעסֶערְס, אִיז כִּמְעַט נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ בִּכְלַל צוּ גֵיין דָארְט אִין גַאס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים, אוּן צוּגֶעפִירְט אַז פּוּנְקְט דֶעמָאלְט הָאבְּן דִי אַרַאבֶּער עֶפֶּעס אוֹיסְגֶערוּפְן אַ גוּטֶע בְּשׂוֹרָה פוּנֶעם דַאךְ פוּן מוֹיעֶר, אוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ דָארְט צוּזַאמְגֶעלָאפְן צוּ הֶערְן דִי נַייעֶס, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַ וֶועג דוּרְכְצוּגֵיין אוּן אָנְקוּמֶען צוּם יַם.

וֶוען ר' יִצְחָק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם יַם, הָאט עֶר גֶעזֶען אַסַאךְ שִׁיפְן, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן. עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזוּכְט אִיבֶּעראַל גָאר אַסַאךְ, בִּיז עֶר הָאט עֶנְדְלִיךְ גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן זִיצְן אִינֶעם קְלֵיין שִׁיפְל, דָאס שִׁיפְל אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט אַראבֶּער, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן דָארְט אִינְמִיטְן צְווִישְׁן זֵיי.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ צוּזַאמְגֶעטְרָאפְן מִיט ר' יִצְחָק, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אוּן בַּאזָארְגְט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְווֵייטְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִי דֶער צְווֵייטֶער גֶעפִינְט זִיךְ, אוּן דֶערְפַאר אִיז דִי שִׂמְחָה גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ בַּאגֶעגְנְט.

זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעסְן דָארְט אַבִּיסְל אִין דֶעם קְלֵיינֶעם שִׁיפְל, וָואס מְ'רוּפְט "בַּארְקֶעס", אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דִי שִׁיפְל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּפָארְן צוּם גְרוֹיסְן שִׁיף, וָואס מְ'רוּפְט "אָקְרֶענֶע", וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען גֶעאַנְקֶערְט נֶעבְּן חֵיפָה.

זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז דִי גְרוֹיסֶע שִׁיף אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט מִלְחָמָה קַאנָאנֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס אַ שִׁיף פוּן סוֹחֲרִים דַארְף הָאבְּן אַזֶעלְכֶע קְרִיגְס גֶעצֵייג, זֵיי הָאבְּן אָבֶער גֶעקְלֶערְט אַז אַזוֹי ווִי סְ'אִיז יֶעצְט אַ קְרִיגְס צוּשְׁטַאנְד, דַארְפְן אֲפִילוּ צִיווִילֶע שִׁיפְן זִיךְ אוֹיךְ בַּאוָואפֶענֶען.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין הַאנְדְלְס שִׁיף, דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ קְרִיגְס שִׁיף, פוּל מִיט סָאלְדַאטְן אוּן אַלֶע סָארְט גֶעוֶוער. דִי סַכָּנָה אִיז פַארְשְׁטֵייט זִיךְ גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס, צוּ זַיין נֶעבְּן דִי אַלֶע סָאלְדַאטְן, נָאכְדֶערְצוּ וֶוען דָאס אִיז גֶעוֶוען ווִילְדֶע אַרַאבֶּער, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ צוּ פָארְן מִיט זֵיי אוֹיפְ'ן יַם.

צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע פְּחָדִים אוּן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ וָואס הָאט דָארְט גֶעהֶערְשְׁט, הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעקוּקְט אִין וֶועלְכֶע שִׁיף עֶר גֵייט אַרַיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ סְ'גֶעפִינְט זִיךְ דֶער שִׁיף וואוּ זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁטֶעלְט דִי בִּילֶעטְן, אוּן עֶר אִיז בְּלוֹיז אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין עֶפֶּעס אַ שִׁיף, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דֶער שִׁיפְל וֶועט אִים צוּטְרָאגְן צוּ דִי מִלְחָמָה שִׁיף.



# הפצה ווינקל

היכל הקודש

## בְּרִיוו

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ד׳ אִיָּר,**
**שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּעְרְטִי**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי קֶרֶן הַדְּפָּסָה צִיט זִיךְ אַרִיבֶּער אִינֶעם נַייֶעם בִּנְיָן דֶעם קוֹמֶענְדִיגְן וָואךְ.

עֶס אִיז אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרוּקְן אִין יְשִׁיבָה פַּאר אַפָּאר יָאר צוּרִיק, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ קְלֵיינֶעם מַאשִׁין דְרוּקְן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּבִּיסְלִיךְ הָאט מֶען זִיךְ פַּארְבְּרֵייטֶערְט בִּיז מִיר גֵייעֶן זִיךְ שׁוֹין **אַרַיינְצִיעֶן אִינֶעם נַייֶעם בִּנְיָן** וָואס מֶען הָאט גֶעקוֹיפְט סְפֶּעצִיעֶל פַאר קֶרֶן הַדְּפָּסָה, צוּ דְרוּקְן אוּן פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע יָארְן.

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, מִיר דַארְפְן הָאבְּן הִילְף, מִיר קֶענֶען נוּצְן דַיין הִילְף בַּיים זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן; בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זִיךְ מֶעלְדְן צוּ הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי יִצְחָק אַיְיזִיק רָאטְה, עֶר וֶועט דִיר זָאגְן וֶוען צוּ קוּמֶען, אוּן אַיינְטֵיילְן דִי אַרְבֶּעט פַאר וֶוער עֶס וִויל הֶעלְפְן.

**פַארְשְׁטֵיי גוּט, קֶרֶן הַדְּפָּסָה אִיז דַיינְס פּוּנְקְט וִוי מַיינְס;** אַז דוּ צִיסְט זִיךְ אַרִיבֶּער אַ דִירָה דַארְף אִיךְ דִיר נִישְׁט שְׁלֶעפְּן דַיינֶע פֶּעקְלֶעךְ, אַזוֹי אִיז יֶעצְט, קֶרֶן הַדְּפָּסָה אִיז דַיינְס, עֶס אִיז נְכָסִים פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף צוּלֵייגְן אַ הַאנְט; מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין מִיט דִי פָּאר אִינְגֶעלַייט וָואס אַרְבֶּעטְן יוֹמָם וָלַיְלָה מִיט דָאס גְרֶעסְטֶע מָאס גֶעטְרֵיישַׁאפְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**



## א מעשה פון הפצה

**משה רעכניצער פון בני ברק פארציילט:**

איך מוז אייך דערציילן די גרויסע נס וואס האט זיך אפגעשפילט מיט מיר פארגאנגענע וואך.

ברוך השם איך גיי אסאך הפצה אין ארץ ישראל, און איך בין מזכה אידישע קינדער מיט די הייליגע עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

איין טאג פאריגע וואך בין איך געגאנגען הפצה אין שטאט אלעד, אינמיטן האב איך געשפירט עפעס, מיין הארץ זאגט מיר איך זאל זאפארט אהיים פארן, איך האב נישט פארשטאנען די באדייט פון דעם הרגשה, אבער אזוי האב איך געטון, איך האב גענומען דעם נעקסטן באס אהיים קיין בני ברק, און ברוך השם איך בין אנגעקומען בשלום צו מיר אהיים.

ווען איך בין אנגעקומען קיין בני ברק בין איך געוואויר געווארן אז ווי נאר איך האב פארלאזט אלעד האט פאסירט אויף דעם פלאץ וואו איך בין געגאנגען הפצה, א געפערליכע טערור אטאקע השם ישמרנו!

אין זכות פון הפצה בין איך ניצול געווארן פון מעגליך ווערן געשעדיגט חס ושלום און פון זיך נישט קענען ארויסזען פון א פארשפארטע שטאט, ווייל די פאליציי האט גלייך פארמאכט מען זאל נישט קענען אריינקומען און נישט ארויסגיין, ווילאנג מען טרעפט דעם ארAבער.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצות אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email:subscribe@kerenhadfusa.org

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## קרן הדפסה ציעט זיך אריבער צום נייעם בנין



עס פיבערט און עס קאכט אינערהאלב די קרן הדפסה, עס איז נישט קיין קלייניקייט.

אין די יעצטיגע טעג ציעט מען זיך איבער בשעה טובה ומצלחת צום נייעם הערליכן גרויסן בנין וואס איז נארוואס געווארן אפגעקויפט פאר די געברויך פון דעם בית הדפוס, כדי צו קענען דרוקן ספרים, קונטרסים און גליונות אויף א גרעסערן פארנעם ווי ביזט יעצט, ביתר שאת וביתר עוז.

דער ראש ישיבה האט געבעטן די חשובע אינגעלייט פון שטעטל זאלן אריבער קומען העלפן שלעפן די זאכן פונעם אלטן בנין צום נייעם בנין, אזוי ווי איר קענט זעהן אינעם בריוו וואס איז אויפ'ן אנדערן עמוד, און די אינגעלייט האבן זיך טאקע אנגערופן ווארעם, מען איז אריבער געקומען העלפן מיט וואס עס האט נאר אויסגעפעלט, מען האט געארבעט צוזאמען פאר איין ציל, צו ארייננברענגן ווייטער דעם אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט.

ברוך השם אז יעצט ווען איר ליינט די נייעס, דרוקט מען שוין די ספרים און קונטרסים ביים נייעם גרויסן בנין, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דאס גאר שטארק צוהעלפן צו קענען דריקן מער און העלפן מער די מפיצים זיי זאלן האבן די קונטרסים און גליונות וויפיל זיי דארפן און ווען זיי דארפן.

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: "איר זענט טריקענע ביימער, זעהט צו אנטרינקן ביימער - צוריק ברענגן מענטשן צום אייבערשטן". (חיי מוהר"ן סימן תקמ"ג)**

# בילדער פון קרן הדפסה



די פלאר ביים נייעם בית הדפוס ווערט איבערגעמאכט



די ספרים ווערן געפאקט אינעם אלטן בית הדפוס



דער גאנצער בית הדפוס ווערט צאמגעפאקט צו ווערן אריבערגעפירט צום נייעם בנין

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**נחמן נתן בוים** – קרית ברסלב
**הרוצה בעולם שמו** – וויליאמסבורג
**מרדכי לייב טירנויער** – קרית יואל
**ישראל הערשקאוויטש** – מאנסי

**יצחק משה רייך** – בארא פארק
**יוסף פריעדמאן** – קרית ברסלב
**יוסף ברילל** – וויליאמסבורג
**יחזקאל זיגלער** – בארא פארק

**מנחם מענדל שימשאוויטש** – בארא פארק
**משה שטיינווארצל** – פלעטבוש
**שמואל אליעזר פערל** – לאנדאן
**משה עקשטיין** – קרית ברסלב

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** | email: **donate@kerenhadfusa.org** | whatsapp: **518.966.2370**



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## שבת פרשת אחרי ב' תשפ"ב

**נ. א. פארצייטל:** שכח אייבערשטער! א מעשה פון תפילה, איך האב די וואך שבת פרשת אחרי (קדושים אין ארץ ישראל) זוכה געווען מיטצוהאלטן די סעודה פרייטאג צונאכטס מיטן ראש ישיבה שליט"א.

איך וועל פרובירן צו אפשרייבן אפאר שיינע שיחות וואס איך האב זוכה געווען צו הערן.

### אנטיק בעכער

ווען מען איז אהיים געקומען פון שול זיך זעצנדיג צו די סעודה האט מען געקענט אנמערקן אז די בעכער איז נישט געווארן געפוצט לכבוד שבת עס איז געווען גוט פארשווארצט. איינע פון די קינדער האט זיך אנגערופן: "טאטי קוק א שווארצע בעכער". איך טראכט צו מיר, וואס וועט דער ראש ישיבה ענטפערן, דער ראש ישיבה הייבט אויף די בעכער און זאגט הויעך: "קוקט אלע, די וואך האבן מיר אן אנטיק בעכער" די קינדער האבן אנגעהויבן פרעגן קשיות: "טאטי וואס איז דאס אנטיק"? דער ראש ישיבה האט זיי מסביר געווען מיט א קלארקייט: "אנטיק איז אלטע חפצים, אלטע זילבער, און אלטע גאלד. מענטשן צאלן פאר אלטע זאכן זייער אסאך געלט, לאמיר טראכטן אז די בעכער איז אן אלטע בעכער". די קינדער האבן זיך צוגעהערט עס איז געווען זייער אינטערסאנט פאר זיי".

### שליסל חלה

דער ראש ישיבה האט געפרעגט: "ווער ווייסט פארוואס די וואך מאכט מען א שליסל חלה?" דאס איז געווען איידער מען האט אנגעהויבן זמירות, יעדער איז געזעצן שיין ביים טיש, און דער ראש ישיבה האט ערקלערט פאר די קינדער אז מיר מאכן א שליסל חלה, מיר זאלן געדענקען אז די שליסל פון פרנסה ליגט אינעם אייבערשטן'ס האנט.

דער ראש ישיבה האט מסביר געווען פאר די קינדער אז דער אייבערשטער האט אזוי ווי א שליסל האלטער מיט דריי שליסלעך; די שליסל פון פרנסה, די שליסל פון קינדער, און די שליסל פון תחיית המתים. די דריי שליסלען זענען אין די הענט פונעם אייבערשטן.

איינער פון די קינדער האבן געפרעגט פארוואס מען מאכט א שליסל חלה פונקט די וואך, א שבת נאך פסח, האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט אז נאך פסח ווען מען גייט צוריק צו די ארבעט דארף מען געדענקען אז **מען האט גארנישט פון זיך איבערארבעטן**, דער שליסל פון פרנסה ליגט אינעם אייבערשטן'ס האנט און נאר אים דארף מען בעטן.

### חלה דעקל

דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון די קינדער, ווער ווייסט פארוואס מען דעקט צו די חלות מיט א חלה דעקל? די קינדער האבן זיך צוגעהערט נייגעריגערהייט און דער ראש ישיבה האט זיי מסביר געווען אז די חלות קענען זיך פארשעמען אז מען מאכט קודם קידוש און ערשט נאכדעם מאכט מען המוציא אויף די חלות, וועגן דעם דעקט מען זיי צו אז זיי זאלן נישט זען.

אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אין מדבר איז די מן געווען צוגעדעקט פון אונטן און פון אויבן מיט טוי, וועגן דעם דעקן מיר אויך צו די חלות.

### זמירות שבת

דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו זינגען זמירות: "שבת שלום ומבורך, הייליגער שבת, לעכטיגער שבת, זיסער שבת", און די ראש ישיבה האט געבעטן יעדע קינד זאל צולייגן עפעס, איינער האט געזאגט האניג'דיגע שבת, בשמים'דיגע שבת, צוקערדיגע שבת, יאמי שבת...

<<<<

אינמיטן זינגען האט זיך א קייטל פון איינע פון די קינדער צוריסן און די בידס (די שטיינדלעך דערפון) האבן זיך צושפרייט איבער די גאנצע פלאר, האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער אז מען זאל עס נישט אויפהייבן ווייל ס'קען זיין אז עס איז מוקצה.

### קינדער שיין געדאווענט

דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר זיין ווייב ווי שיין די קינדער האבן געדאווענט אין שול, און ווער עס האט שיין געדאווענט האט באקומען א קליינע קענדי. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אלע קינדער פון שול האבן ליב צו קומען דאווענען נעבן דער ראש ישיבה, ווייל דער ראש ישיבה טיילט קענדיס פאר זיינע קינדער ווער עס דאוונט שיין, און זיי ווילן אויך באקומען.

### אנגעפאנגען דעם סעודה

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן א נייע סדר ווער עס וועט אויפהייבן די בעכער, פון די קלענסטע ביז די עלטסטע יעדע וואך איינער אנדערש. דער ראש ישיבה האט אנגעזאגט פאר די קינדער אז ביי קידוש דארף מען שטיין שיין גלייך און מען טאר זיך נישט אנלאנען.

דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש און געוואשן די קינדער. דער ראש ישיבה האט געטיילט פאר יעדעס קינד א שטיקל פון די שליסל, צו געדענקען אז אלעס קומט פון די אייבערשטער!

מען האט אויך אריינגעברענגט צו די טיש מצה, ווייל ס'איז שוין נאך פסח און מען קען שוין עסן סיי חמץ און סיי מצה.

איינער פון די קינדער האבן געפרעגט א שאלה, פארוואס זאגט מען פסח ביינאכט 'אלע אנדערע נעכט פון א גאנץ יאר טונקען מיר נישט איין' ווען יעדע וואך טונקט מען איין די חלה אין טאמעטא דיפ? האט די ראש ישיבה אים געענטפערט אז מען טונקט טאקע איין אינמיטן די יאר אויך, אבער ס'איז נישט קיין מצוה. פסח ביינאכט איז א מצוה צו איינטינקען צוויי מאל.

### עסן פיש

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אפשר זאל מען שוין יעצט צוגעוואוינען די קליינע בעיבי צו עסן געפילטע פיש, אזוי וועט ער עס עסן אויך ווען ער וועט ווערן גרויס. און די ראש ישיבה האט געפיטערט די עלטערע קינדער מיט א קליינע שטיקל געפילטע פיש לכבוד שבת קודש.

איינער פון די קינדער האבן זיך אנגערופן אויף עפעס א עסן אז ער האט עס זייער ליב, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט אז שבת'דיגע עסן דארף מען ליב האבן. אינמיטן די וואך זאגט מען נישט אויף א עסן איך האב עס ליב, אבער שבת דארף מען יא זאגן איך האב ליב די עסן, ווייל די שבת'דיגע עסן איז זייער הייליג.

דער ראש ישיבה האט באמערקט ווי איינער פון די קינדער האבן אנגעכאפט זיין שיך, האט דער ראש ישיבה אים געשיקט אפוואשן זיין הענט, ווייל אז מען כאפט אן די שיך ווערט מען טמא.

### שבת'דיגע עסן היילט אויס

מען האט געזינגען זמירות און מען האט אריינגעברענגט די זופ, אינמיטן איז איינער פון די קינדער אראפגעפאלן און זיך צוקלאפט, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט אז ער זאל עסן זופ, ווייל די שבת'דיגע עסן היילט אויס.

### מצות פון שטעטל בעקעריי

מען האט געשמועסט וועגן די ערב פסח מצות אין שטעטל, דער ראש ישיבה איז געווען אזוי איבערגענומען פון דעם, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן אז איך האב זיך געשפירט ממש ווי אין בית המקדש ביים מקריב זיין דעם קרבן פסח.

### לכבוד שבת קודש

נאך די זופ האט דער ראש ישיבה קאמפלימענטירט זיין ווייב אז די זופ איז געווען זייער גוט. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזינגען מיט די קינדער 'לכבוד שבת קודש!' דער ראש ישיבה האט געזאגט 'מען עסט פיינע פרישע חלות', און אלע קינדער האבן געענטפערט 'לכבוד שבת קודש' און דער ראש ישיבה האט ווייטער געזאגט, 'מען עסט געשמאקע זופ מיט לאקשן' און אלע האבן געענטפערט 'לכבוד שבת קודש' און אזוי ווייטער.

<<<<

### הפצה

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינער פון די באטייליגטע ביי די סעודה אויב ער גייט הפצה, האט ער געענטפערט אז ער וויל גיין הפצה, ער האט שוין געקויפט קונטרסים אבער ער האט נישט קיין צייט. האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט אז מען דארף נישט האבן אסאך צייט, ער זאל **פרובירן צו גיין יעדן טאג כאטש צו איין מענטש.**

דער ראש ישיבה האט אנגעטון פאר די בעיבי 'יחזקאל' א שטריימל, ווייל די זיידע הרב ר' יחזקאל רוטה פלעגט אלס גיין מיט א שטריימל. און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די בעיבי יחזקאל גייט אין די וועגן פון זיין זיידע, די זיידע פלעגט בלייבן אויף א גאנצע נאכט צו לערנען, און ער שלאפט אויך נישט ביינאכט...

### די ברסלב'ע מוסדות

מען האט גערעדט פון די שידוך וואס דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט די וואך, א תלמיד פון ישיבה מיט א בית פיגא תלמידה האט דער ראש ישיבה האט פארציילט אז מען זעט א אינטערעסאנטע זאך, די אלע וואס האבן אריינגעשיקט די קינדער ווען די חדר האט זיך געעפנט, די אלע האבן חתונה געמאכט די קינדער יונגערהייט. דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז היינט איז שוין נישט קיין נסיון אריינצושיקן די קינדער אין ברסלב'ע חדר, אבער דעמאלטס ווען די חדר האט זיך געעפנט און ס'איז נאך גארנישט געווען, איז עס געווען זייער א שווערע זאך. אבער די וואס האבן דעמאלטס אריינגעשיקט די קינדער, האבן אלע חתונה געמאכט יונגערהייט.

### ל"ג בעומר

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אם ירצה השם ווען ער וועט פארט קיין ארץ ישראל פאר ל"ג בעומר וועט ער מיטנעמען איינער פון די קינדער וואס האבן געענדיגט ש"ס. דער ראש ישיבה האט צוגערופן די קלענערע קינדער און זיי געזאגט אז זיי קענען שוין יעצט אנהייבן ש"ס, און אם ירצה השם ווען זיי ענדיגן וועלן זיי קענען פארן מיט'ן ראש ישיבה קיין ארץ ישראל.

### מצא או מוצא

דער ראש ישיבה האט געזאגט, חז"ל זאגן (ברכות ח.) אין ארץ ישראל פלעגט מען פרעגן א חתן נאך די שבע ברכות מצא? או מוצא? צו ער האט געטראפן א גוטע ווייב אדער א שלעכטע ווייב, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער האט זיך אלס געוואונדערט אויף דעם, וואס זאל דער חתן טון אויב ער האט געטראפן א שלעכטע ווייב? פארוואס דארף מען אים פרעגן און אים טשעפענען?

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער האט געהערט א שיינע פשט פון א ברסלב'ער חסיד, אז שלום בית ווענדט זיך נישט מיט וועלכע ווייב מען האט באקומען, עס ווענדט זיך נאר אינעם מענטש. זיי האבן געוואלט זען אויב ער איז פרייליך, אדער אויב מען דארף אים געבן אביסל חיזוק, דער וואס ענטפערט איך האב באקומען א נישט גוטע ווייב האבן זיי זיך גלייך גענומען צו די ארבעט אים מחזק זיין ער זאל תשובה טון, אזוי וועט זיין ווייב זיין גוט.

### מחזק זיין די מקורבים אין ארץ ישראל

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די תלמידים אין ארץ ישראל בעטן אים ער זאל שיקן איינער פון די קינדער קיין ארץ ישראל און ער זאל מחזק זיין די מענטשן דארט. האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון די קינדער 'ווער פון ענק קען באשטיין צו גיין אויף ארץ ישראל?' האבן צוויי קינדער געזאגט אז זיי קענען באשטיין צו גיין צוזאמען. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "ביידע צוזאמען קענען ענק איינעמען די וועלט".

און דער ראש ישיבה האט ווייטער געפרעגט:""ווען איך וויל אוועק גיין פון די וועלט ווער פון ענק וועט וועלן איבערנעמען די ראש ישיבה?" און דער ראש ישיבה האט גלייך געענטפערט "אלע פון ענק! אלע וועלן גיין הפצה".

### עצה פאר דעם קינד וואס קען נישט שלאפן

איינער פון די קליינע קינדער איז ארויסגעקומען פון בעט זאגן אז די בעיבי קומט אריין אין זיין שטוב און עס שטערט אים פון שלאפן. האט דער ראש ישיבה אים געגעבן א עצה אז ער זאל גוט צומאכן די אויגן און ער זאל נישט קוקן אויף די בעיבי, אזוי וועט אים די בעיבי נישט שטערן.

### עצתו אמונה פאר קינדער

דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשה פון

'עצתו אמונה פאר קינדער' דער ראש ישיבה זיך אראפגעלאזט צו די קינדער און עס געמאכט גאר אינטערעסאנט פאר זיי, דער ראש ישיבה האט געמאכט אינטערעסאנטע קולות און גערעדט מיט א פארשטאפטע נאז, די קינדער האבן זיך צוגעהערט צו די מעשה מיט א אפענע מיילער און גרויסע אויערן.

**אונגארישע תמימות**

דער ראש ישיבה האט גזאגט די וועלט זאגט א ווערטל אז ביי דריי זאכן נוצט מען א דאפלטע לשון, גוט יום טוב, מים אחרונים וואסער, און אונגארישע נאר... דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך בין נאך אלץ ווייטער פרייליך אז מיינע עלטערנס עלטערן קומען פון אונגארן ווייל די אונגארישע אידן זענען זייער תמימות'דיג, זיי לעבן א פשוטע לעבן, א תמימות'דיגע לעבן, און זיי האבן א שטארקע אמונת צדיקים".

דער ראש ישיבה האט געפרעגט ווער ווייסט וואו דער הייליגער רבי רעדט פון אונגארישע אידן? דער ראש ישיבה האט ארויסגענומען א ליקוטי מוהר"ן און געוויזן ווי דער רבי שרייבט אז די אונגארישע אידן זענען אלץ אסאך מופתים ביי זייערע רבי'ס, ווייל זיי האבן א שטארקע אמונת צדיקים און זיי גלייבן, דעריבער זענען זיי מער מופתים.

**דעם רבינ'ס נסיון**

אז דער ראש ישיבה האט שוין געהאט די ליקוטי מוהר"ן אויפן טיש, האט דער ראש ישיבה פארציילט א אינטערעסאנטע מעשה. דער הייליגער רבי'ס מאמע האט אים געלאזט צוואה "ווען ער קען נישט ליידן, זאל ער נישט לאזן קומען צו אים, ער זאל אים תיכף אוועקשיקן וכו'".

איינמאל איז דער הייליגער רבי געגאנגען אין גאס ווען אינמיטן איז אנגעקומען א פרוי און זי האט געוואלט טון אן עבירה מיט'ן רבי'ן רחמנא ליצלן. דער רבי האט זיך גענומען אוועקלויפן ווי שנעל ער האט געקענט, אבער זי איז אים נאכגעלאפן. ביז דער בעל עגלה האט באמערקט וואס דא גייט פאר, איז ער שנעל געקומען צו פארן מיט'ן פערד און וואגן און די רבי איז ארויפגעשפרינגען אויפן וואגן און זיי זענען פלינק אוועקגעפארן. די פרוי איז ווייטער נאכגעלאפן די וואגן האט דער רבי האט געזאגט פאר'ן בעל עגלה פאר שנעלער פאר שנעלער אזוי איז דער הייליגער רבי געראטעוועט געווארן.

די פרוי האט געהאט א צווילינג ברידער, אמאל איז יענער געקומען צום הייליגן רבי'ן און דער רבי' האט אים נישט געקענט ליידן ווייל ער האט זיך דערמאנט פון די מעשה וואס איז געווען מיט יענעם'ס שוועסטער. דער רבי'ס טאכטער אדל איז פונקט דעמאלטס אריינגעקומען און זי האט געזען אויפ'ן רבי'ן אז דער רבי קען אים נישט ליידן, האט זי שנעל גערופן אפאר תלמידים און זיי זענען געקומען און יענעם ארויסגעטראגן.

אבער דער אינגערמאן געווען זייער הונגעריג, איז ער געגאנגען און געקויפט פון א גוי פרוכט וואס זענען נאכנישט געווען געצייטיגט. ער האט עס געגעסן און ער איז געשטארבן. און דער ראש ישיבה האט צוגעענדיגט די מעשה, אזוי איז מקויים געווארן די צוואה וואס דער רבי'ס מאמע האט אים איבערגעלאזט.

**צוואה**

איינער פון די קינדער האבן געפרעגט, וואס מיינט א צוואה? האט דער ראש ישיבה אים מסביר געווען און אים געזאגט: "פאר איך גיי אוועקגיין פון די וועלט וועל איך וועל דיך רופן, און איך וועל דיך זאגן עפעס וואס דו זאלסט טון".

דער ראש ישיבה האט געענדיגט מיט א מעשה. אמאל איז געווען איינער אין ברסלב וואס האט נישט געוויסט פון זיין חיות צו זאגן, ער איז געווען אן עם הארץ, און ער האט פארגעלערנט בריוון וואס ר' נתן האט געשריבן פאר זיין זון. נאך יעדע בריוו פלעגט ער זאגן ר' נתן איז געווען א פרייליכער אידל, ער האט געוואלט יעדן מאכן פרייליך, האט ער געענדיגט יעדע בריוו מיט די ווארט פאפ!

ר' נתן פלעגט ענדיגן יעדע בריוו מיט די ווערטער אונז וועלן זיך זען אי"ה פנים אל פנים. אבער אין יענע צייטן פלעגט טינט זיין זייער א טייערע זאך, האט מען געשריבן מיט ראשי תיבות, אנשטאט פנים אל פנים, האט מען געשריבן פ. א. פ. יענער האט נישט געוויסט וואס דאס מיינט, האט ער זיך אליינס געמאכט א פשט, אז ר' נתן האט פשוט געוואלט מאכן פרייליך...

ש'כח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא שיינע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א, עס איז געווען אזוי פרייליך און געשמאק יעדע מינוט!

# קלאסיפייד

ברסלב שטיצט ברסלב

**דירות אין שטעטל פאר שבתים**

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625

---

**HURLEYVILLE LEASING**

AUTO SALES & LEASING



- Luxury all inclusive Auto Broker
- Prices reduced below dealer invoiced rates
- Free expedited pickup and delivery nationwide
- Specializing in hard-to-locate cars
- Lowest rate insurance services included
- Most competitive prices with no hidden fees!

845-720-0041 | www.hurleyvilleleasing.com

Sales@hurleyvilleleasing.com

---

אסאך זוממער JOBS איז יעצט דא אוועילעבל.

אויב דארפט איר ארבעט פאר די זוממער, ביטע רופן ווי אמשנעלסטן

**שלמה יאקאבאוויטש**

845-637-5367

---

Electrolysis, Tinting, Waxing

Please call

N. A. Appeldorfer

845-537-9681

---

**Catskill Messenger Service**

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**

קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.

און צוריק ביינאכט

מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקילס, און קרית ברסלב ליבערטי.

פראבירט צו רופן א נאכט בעפאר

**ברוך אפעלדארפער**

914-705-9524

---

I Lost a diamond ring by Shabbos Hisvades, if you found it please call

**917-202-7965**

---

**Catskil Professional Plaza**

עס איז יעצט געווארן אוועליבעל אפאר אפיסעס,

אינעם הערליכן אפיס בילדינג אין סענטער פון

שטעטל, רופט ווילאנג עס איז נאך אוועליבעל.

אברהם אלי' פרידריך

646-938-2503

---

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער

פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט

צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה

347-578-4449

ברסלב
שטיצט ברסלב

# קלאסיפיידס




## דירות פאר שבועות אין שטעטל

צו איינשטיין אין שטעטל פאר יום טוב שבועות הבא עלינו לטובה

ביטע רופן משפחת מזרחי
845-774-2426

## KB Shuttle

Shuttle hour pick up

10:00,10:45,11:30,12:15,1:00,1:45,2:30

Starting this week order the shuttle by texting our NEW SHUTTLE line 845-206-9114 until 5 minutes before the route

Text your pick up address, drop off location and desired route

If you are planning a group trip out of shtetl or cheider call the manager to schedule
845-720-0847

Text manager to sign up to the shuttle group for more updates and important information

מיר פארשפרייטן אלע גליונות וואס קומען ארויס וועכנטליך דורך קהילת היכל הקודש אין אלע היימישע געגענטער, די זכות איז גאר גרויס.

צו נעמען א חלק ביטע רופט יענקי פיש
917-474-6118



# קינדער אפטיילונג

## ערליכע חברים

אַ גוּטְן טָאג קִינְדֶער׳לֶעךְ, מֶען גֵייט יֶעצְט דֶערְצֵיילְן דִי ״קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה״; אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּם טִיש, אַלֶע וַוארְטְן שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיט דוֹרְשְׁט, וֶוען גֵייט טַאטִי אוּן מַאמִי דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אָן לֵיינֶען דִי ״קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה״; עֶר וֶוערְט זֵייעֶר עֶרְנְסְט, עֶר זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: ״דִי וָואךְ דַארְפְט אִיר זִיךְ גוּט צוּהֶערְן, עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס מֶען קֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ״.

דֶער טַאטֶע פְּרֶעגְט: ״קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט וָואס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה פַאר׳ן מֶענְטְשׁ?״ דִי קִינְדֶער ווִילְן הֶערְן וָואס, פוּן וָואס דַארְפְן מִיר זִיךְ הִיטְן? וָואס קֶען אוּנְז לֵייגְן אִין אַ סַכָּנָה? דֶער טַאטֶע זָאגְט: ״אֵיידֶער אִיךְ וֶועל אַייךְ עֶנְטְפֶערְן דִי עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע, ווִיל אִיךְ אַייךְ פְרֶעגְן נָאךְ אַ פְרַאגֶע, וֶוער וֵוייסְט ווִיפִיל יָאר אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט?״ אוּן דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אָן דֶערְצֵיילְן:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן דְרַייצְן יָאר, עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג, בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה; גְלַייךְ נָאךְ זַיין בַּר מִצְוָה אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ חָתָן אוּן אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעוֶוען דִי חֲתוּנָה, דִי כַּלָּה אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶּקֶת, זִי הָאט גֶעהֵייסְן סָאשְׁיֶא, אַ טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי אֶפְרַיִם פוּן שְׁטָאט זַאסְלַאב.

וִויבַּאלְד דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּ אַ נַייעֶ שְׁטָאט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט ווִיסְן וֶוער פוּן דִי קִינְדֶער פוּן אוֹסְיַאטִין זֶענֶען גוּטֶע קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן זִיךְ חַבֶר׳ן מִיט קִינְדֶער וָואס טוּעֶן עֲבֵירוֹת, וַוייל אוֹיבּ מֶען חַבֶר׳ט זִיךְ מִיט קִינְדֶער וָואס רֶעדְן מִיאוּס׳עֶ וֶוערְטֶער, קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן מִיט גֶעשְׁלֶעפְּט מִיט זֵיי, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא קִינְדֶער וָואס זֵיי בַּאהַאלְטְן זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי כַאפְּן זִיךְ אָן דָארְט וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט (דֶער טַאטֶע זָאל גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר דִי קִינְדֶער וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט), זֵיי מֵיינֶען מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז עֶס אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי קִינְדֶער פוּן דִי שְׁטָאט אוֹסְיַאטִין, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזוּכְט צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער וֶוער עֶס אִיז עֶרְלִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ קִינְד מִיט׳ן נָאמֶען שִׁמְעוֹן, דֶער רֶבִּי לוֹיפְט צוּ אִים אוּן מַאכְט זִיךְ כְּאִילוּ עֶר ווִיל נִישְׁט זַיין עֶרְלִיךְ, עֶכְט אִיז דֶער רֶבִּי שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֶען אוֹיבּ שִׁמְעוֹן ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אוֹיבּ שִׁמְעוֹן ווִיל זַיין גוּט; הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי עֶר ווִיל נִישְׁט זַיין גוּט. דֶער אִינְגְל שִׁמְעוֹן פוּן אוֹסְיַאטִין הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר׳ן רֶבִּי׳ן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען ווִי עֶר מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: ״דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ? דוּ ווִילְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַלֶע טוּעֶן?״ רוּפְט זִיךְ אָן שִׁמְעוֹן: ״אִיךְ בִּין אַ תַּם, אִיךְ הָאבּ לִיבּ תְּמִימוּת״, דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן אוּן גֶעזָאגְט: ״עֶס זֶעט אוֹיס ווִי מִיר וֶועלְן זַיין נָאנְטֶע חֲבֵרִים״. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶערוּפְן אִין אַ זַייט אוּן אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת, אַז עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט אוֹיסְפְּרוּבִּירְן זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען פּוֹגֵם אוּן טוּעֶן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן.




### ״לָאמִיר אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״

דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען זַיין נֵייעֶר עֶרְלִיכֶער חַבֶר שִׁמְעוֹן אוּן אַרוֹיס מִיט אִים אִין פֶעלְד, עֶר הָאט דָארְט מִיט אִים גֶערֶעדְט ווִי גוּט עֶס אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן ווִי נַארִישׁ דִי וֶועלְט אִיז, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ דָאךְ הַיינְט חֲתוּנָה, דַארְף אִיךְ זִיכֶער אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״; שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ גוּט צוּגֶעהֶערְט צוּ זַיין נֵייעֶר חַבֶר - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ אַ חַבֶר נֶעמְט דִיר אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן עֶר ווִיל דִיר אָנְכַאפְּן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ אַוֶועק לוֹיפְן פוּן אִים! אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל דִיר אָנְרִירְן בַּיים אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן: ״גִיוַואלְד!!!״ ״רַאטֶעוֶועט!!!״ זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן, וַוייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ לָאזְן וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער.

נֶעם אַ גוּטֶער חַבֶר מִיט וֶועם צוּ שְׁפִּילְן, לוֹיפְן, טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען. קִינְדֶער וָואס רֶעדְן אֵיידֶל, מִיט זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ חַבֶרְ׳ן; דֶעמָאלְט וֶועט אִיר אַלֶע אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

# טרעף
## די פאלגנדע ווערטער

רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט פאר זיינע תלמידים אונזער זאך איז מען זאל ליב האבן איינער דעם צווייטן

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ס | ט | ה | כ | ו | ו | ה | י | פ | ט | ו | ח | ט | ד | י | א | מ | ד | ג | ת | ל | ת | ע | י |
| ג | ב | נ | ז | כ | י | ט | ה | צ | ס | ב | פ | א | ד | נ | כ | ג | ר | א | ב | ג | ח | י | ע |
| ו | ר | ק | ב | ט | כ | ח | ד | פ | א | נ | ז | ל | כ | ט | ש | א | ב | ר | ש | מ | ע | ו | נ |
| ו | ע | ש | א | ו | ת | ל | י | א | י | ב | ד | ט | י | ד | כ | ח | ג | ט | ט | ל | י | ח | ס |
| כ | ז | ש | ז | ו | ב | כ | ח | ע | י | נ | ז | ח | נ | ב | ר | ב | ג | כ | א | א | ג | א | ג |
| כ | נ | ב | כ | ה | ח | נ | ו | צ | נ | ר | י | ט | ל | ז | י | א | ג | ע | ה | ז | ת | י | י |
| פ | ו | ז | מ | ב | ו | ה | ב | ט | ע | י | י | ל | ל | ה | ז | ה | ע | פ | ד | ל | ב | ב | ה |
| פ | א | ה | א | ח | כ | ל | ל | ו | ר | י | נ | ר | ס | ע | פ | ח | ס | א | מ | פ | ר | ת | א |
| ד | ז | ר | ר | כ | ז | מ | ח | ח | ו | ס | ע | ר | ג | ש | ט | ד | ק | י | מ | ז | נ | ר | ד |
| צ | ק | נ | ב | א | ה | ר | ע | ו | ת | ג | ד | ש | ח | ח | ש | ע | ד | ט | ל | ד | נ | ס | ז |
| ס | נ | ד | י | נ | ע | צ | צ | נ | א | ע | ד | ט | מ | ד | ק | י | ס | ג | ת | א | ג | ז | ה |
| ט | ש | ע | ס | ה | פ | פ | ק | א | ק | ס | ה | ק | א | ח | מ | ג | צ | ב | ע | ס | ז | ח | ת |
| פ | ב | מ | ד | מ | ה | ח | ת | מ | ש | ו | ש | ר | י | ת | ת | ל | ט | ט | ט | צ | ת | ו | ר |

העלף
נחמן נתן
אנקומען
צום ל"ג
שיסער!








# א שיעור מיטן רבי״ן

## אמת

**כב.** מִי שֶׁרָחוֹק מֵאֱמֶת, רָחוֹק מִצְּדָקָה.

**טייטש.** וָוער עֶס אִיז וַוייט פון אֱמֶת, אִיז וַוייט פון צְדָקָה.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| | 2 | | | | 5 |
| 4 | | | | 6 | |
| 1 | | | 2 | | |
| | 5 | | 4 | 2 | 3 |
| | | | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 3 | | 2 | 7 | 8 | | 6 | |
| 2 | | | 5 | | 4 | | | 3 |
| | | 4 | | 9 | | 7 | | |
| 6 | 8 | | | 5 | | | 4 | 7 |
| 7 | | 3 | 6 | | 2 | 8 | | 1 |
| 4 | 2 | | | 8 | | | 9 | 6 |
| | | 2 | | 1 | | 6 | | |
| 3 | | | 9 | | 5 | | | 8 |
| | 5 | | 4 | 3 | 6 | | 2 | |



# חידות

## אפטיילונג

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: שיסן ל״ג בעומר מיט א פייל און בויגן איז א סגולה פאר

א. קינדער

ב. פרנסה

ג. שידוך

ד. געזונט

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט פאר זיינע תלמידים, אונזער זאך איז

**ענטפער:** מען זאל ליב האבן איינער דעם צווייטן.

דער געווינער פון פאריגע וואך איז

**אליעזר שלמה וועבערמאן נ״י - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת קדושים ?

## פון אויבן אראפ.

1. די עכטע לעבן איז טון דאס בעסטע פאר די _____
2. צדיקים האבן נישט מורא פון קיינעם, זיי ווייסן אז דער אייבערשטער _____
3. ביי _____ טאר מען נישט זיין זאט, אלץ בענקען און גלוסטן אויף נאך
6. הייליגער באשעפער העלף, איך זאל זיך ליב האבן און _____ אין מיר
8. דער אייבערשטער האט דיך נישט _____, דער אייבערשטער האט ליב יעדן איד
9. שלום איז די _____ זאך ביי אידישע קינדער
12. ווער עס מאכט _____, קען אריבערגיין אלע שוועריגקייטן
13. עלטערן דארפן בעטן פאר זייערע _____, זיי זאלן זיין ערליך און הייליג
14. _____ איז חמץ, עס מאכט ביטער דאס לעבן
17. דו ביסט א _____ מענטש, דעריבער זוכט דער יצר הרע דיך אראפצוואוארפן
18. ביי אונז אין די קהילה מיז מען זיך _____ אזוי ווי די תורה זאגט
19. מאך זיך א שיעור אין רבינ׳ס ספרים, וועסטו קיינמאל נישט _____
21. היכל הקודש איז _____ פון צדיק, עצות פון צדיק, חיזוק פון צדיק

## פון רעכטס צו לינקס.

4. דער אייבערשטער ווארט אויף דיר דו זאלסט זיך _____ צו אים
5. זיי _____ מיט דיין ש״ס
7. אן _____ איז מען נישט מצליח
10. ביים רבי׳ן איז געווען _____ _____ א וויכטיגע יסוד
11. בלייבט מיט די גוטע _____ נישט אריינצונעמען אין שטוב די אלע כלים
15. אז מען טוט אן די הייליגע טלית מיט די הייליגע תפילין ווערט מען _____ פון שלעכטס
16. איר זאלט זיך קיינמאל נישט _____ מיט אנדערע
20. לייג אריין אין די קינדער דעם אייבערשטן, אן קיין _____
21. גייט אביסל _____ מיט׳ן באשעפער, בעטס דעם אייבערשטן אלעס וואס איר דארפט
22. _____ זיך נישט



# ענטפערס פון פאריגע וואך



## ווער זענען זיי?

### פון רעכטס צו לינקס

1. הערשי שניטצלער
2. לייבי אפפעל
3. אברהם יושע וועבערמאן
4. נחמן נתן הוים
5. פנחס דוד וועבערמאן
6. הערשי הוים
7. ישעי' פינק
8. יוסי שניטצלער
9. שלמה רוטה
10. אלחנן רוטה
11 גדלי' אפפעל
12. יום טוב ארי'
13. שלום יוסף נייסטיין
14. קלמן וועבערמאן
15. יעקב נחמן שיק
16. שרגי שטראססער
17. נחמן נתן הארדוגו
18. שלום שניטצלער
19. בערל שניטצלער
20. נחמן יואל וועבערמאן
21. נפתלי הוים
22. אברהם יוסף שווארץ
23. שמעון נייסטיין
24. חיים זאנוויל שיק
25. מושי הוים

# ווער זענען זיי?

## ישיבה תפארת התורה וויליאמסבורג
## בנשיאות הראש ישיבה שליט"א
## זוממער תשע"ג



## שיקט אריין די ענטפער צום רעדאקציע

די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם בלעטל פון פרשת בהר

# בילדער
## אפטיילונג



ראש חודש סעודה אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל - א׳ קדושים תשפ״ב



א שבת סעודה ווערט געפראוועט אין שטעטל חדר ערב שבת אחרי תשפ״ב



תלמוד תורה קרית ברסלב ביים גיין אויף א אויספלוג מיט די שאטל באס פון שטעטל



צוגעקומען צוויי נייע קינדער אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים עיר הקודש





דער ראש ישיבה ביים שרייבן דאנק בריוון פאר די בודקים פון די עירוב אין שטעטל, און ביים געבן א מצה.

# בילדער
ארכיון

## בילדער פון אתרא קדישא מירון אין די פריערדיגע יארן


קריאת התורה אין די מערה תשע"ה


שחרית אין מירון תש"ע, זעהט אויפ'ן וואנט וואס דער רבי האט געשריבן


מוהרא"ש איז מתפלל ביים ציון


מוהרא"ש שערט אפ דריי יעריג קינד אין די מערה


דער ראש ישיבה ביים ארויס גיין פון די מערה


דער ראש ישיבה אין א שמועס אין די מערה מיט הרב מאיר שטערן שליט"א רב אין מירון, און מחותן מיט מוהרא"ש

# בילדער
## ארכיוון

### בילדער פון אתרא קדישא מירון אין די פריערדיגע יארן



מוהרא״ש ביים מחזק זיין א איד אינדרויסן פון די מערה תשמ״ה



מוהרא״ש זי״ע ביים אריינקומען צו די מערה




דער ראש ישיבה ביים אריינקומען אין די מערה תש״ע




ביים ארויסגיין פון די מערה תשע״ט



דער ראש ישיבה איז מתפלל ביים ציון פון רבי שמעון



דער ראש ישיבה אין די אידרא ווי רבי שמעון האט געלערנט

# בילדער ארכיון

## בילדער פון אתרא קדישא מירון אין די פריערדיגע יארן



זונטאג בה"ב אין מירון תשפ"א



ל"ג בעומר אין מירון מיט קארלסבורגער רב שנת תשפ"א



ביים שרייבן בריוו אין מירון גלייך נאך די טראגעדיע תשפ"א



ביים זאגן תיקון הכללי אין מירון שמיני תשפ"ב



ריקודין אין מירון מיט אנ"ש ויחי תשפ"ב



זינגער און שפילערס ביי די ריקודין אין מירון ויחי תשפ"ב

בס"ד

# תלמוד תורה

## היכל הקודש
## עיה"ק ירושלים ת"ו

בנשיאות מורינו הראש ישיבה שליט"א

# ברכת מזל טוב

שלוחה בזאת קדם ידידינו היקר עוסק בצרכי ציבור
באמונה, שלוחו של מורינו הראש ישיבה שליט"א
למען מוסדותינו בירושלים עיה"ק,

מוה"ר **אייזיק אפפעל** שליט"א

לרגל אירוסי בנו היקר גדלי' נ"י
עב"ג בת הרה"ח ר' **יצחק יואל גברא** שליט"א
בשעטו"מ

יה"ר מלפני אבינו שבשמים שהזיווג יעלה יפה ויזכו
לבנות בית נאמן בישראל
ויזכה לראות נחת מכל צאצאיו, מתוך שמחה ואושר
ויזכה להמשיך במפעליו הכבירים למען הצלחת
מוסדותינו

המברכים

הנהלת הת"ת

המלמדים　　　　ילדי התלמוד תורה